# ל. שאַפּיראָ

## דער רב און די רביצין

אַ מאָל איז געווען אַ רב מיט אַ רביצין.

ווען דער רב האָט תורה געלערנט, האָט די רביצין געזאָגט, אַז זי הערט מלאכים שירה זינגען, און ווען די רביצין האָט געקאָכט פֿיש אויף שבת, האָט דער רב פֿאַרזיכערט, אַז ער שפּירט די ריחות פֿון גן-עדן. דער רב און די רביצין זענען ביידע געווען גלײַך גוט, פֿרום און קלוג. אויב זיי האָבן זיך אין עפּעס יאָ אונטערשיידט איינער פֿון צווייטן, איז עס דערין, אַז די רביצין האָט כּמעט "שאלות" געפּסקענט, דער רב אָבער האָט אינעם ענין פֿון פֿיש קאָכן קיין שום ידיעה נישט געהאַט.

און גאָט האָט פֿאַרהאַלטן די טראַכט פֿון דער רביצין, און זי האָט קיין קינדער נישט געהאַט. און דער רב איז געזעסן אין איין ווינקעלע, און די רביצין – אין צווייטן און זיי האָבן גאָט געבעטן אין דער שטיל:

– רבונו של עולם! הער-צו די תּפֿילה פֿון פּלוני בן פּלוני דײַן קנעכט און בענטש מיך מיט אַ זון, איך זאָל קענען אים לערנען דײַן תורה און דײַנע מיצוות...

– רבונו של עולם, האַר פֿון דער וועלט! פֿאַרנעם די תּפֿילה פֿון פּלונית בת פּלונית דײַן דינסט און באַגליק מיך מיט אַ קינד, איך זאָל קענען אין אים גוטע מידות אײַנפֿלאַנצן און אים לערנען צו טאָן דײַן רצון...

און דער רב האָט זיך געזעצט אַנטקעגן דער רביצין און האָט גערעדט:

אַז אונדזער זון וועט אָנהייבן צו רעדן, וועל איך אַליין אים אויסלערנען אַלף-בית און עברי און פּרוש המלות...

און די רביצין האָט צוגעגעבן:

– אַז אונדזער קדיש וועט פֿון שלאָף אויפֿשטיין און שלאָפֿן גיין, וועל איך מיט אים ברכה זאָגן און קריִאַת-שמע לייענען...

און אַזוי זענען פֿילע יאָרן פֿאַרשוווּמען, און די שטאָט-לײַט האָבן אָנגעהויבן צווישן זיך צו רעדן:

– אַז אַן אשה האָט צען יאָר נאָך דער חתונה קיין קינדער נישט, טאָר דער מאַן מיט איר נישט וווינען...

און זיי האָבן עס דעם רב געזאָגט, און דער רב האָט זיי געענטפֿערט:

– איך וועל מײַן ווײַב פֿון זיך נישט אַוועקשיקן, און גאָט וועט מיר געבן מיט איר אַ זון...

און די שטאָט-לײַט האָבן זיך געבייזערט און זיי האָבן געוואָלט דעם רב פֿון דער שטעל מעביר זײַן, נאָר שפּעטער האָבן זיי זיך געקלערט, אַז אויב עס אַרט אים נישט, מעג עס זיי אַוודאי נישט אַרן, – און אַזוי זענען די יאָרן געגאַנגען. און דער רב איז געזעסן אַנטקעגן דער רביצין און זיי האָבן געשמועסט:

– אַז אונדזער קינד וועט אונטערוואַקסן, וועל איך מיט אים לערנען ש״ס און פּוסקים און יורה-דעה מיט אַלע מפֿרשים...

– אַז אונדזער זון וועט קומען פֿרײַטאָג פֿון באָד, וועל איך אים מיט פֿרישע פֿיש מכבד זײַן, און ווען ער וועט שבת פֿון שול צוריקקערן, וועל איך אים קדוש אונטערטראָגן...

און די שטאָט-לײַט האָבן זיך אין אַ צײַט אַרום ווידער אָן זיי דערמאָנט און האָבן זיי אַן עצה געגעבן:

– נעמט אײַך אַ פֿרעמד קינד און זײַט עס מגדל, און זאָל עס אין הונדערט יאָר אַרום נאָך אײַך קדיש זאָגן און משניות לערנען.

און דאָס פּאָרפֿאָלק האָט מיט די קעפּ געשאָקעלט און געענטפֿערט:

– ווי וועל איך אַ פֿרעמד קינד תורה און מיצוות לערנען, אַז איך וועל פֿאַר אים קיין עונש נישט לײַדען?...

– ווי וועל איך אַ פֿרעמד קינד ליב האָבן קענען, אַז איך האָב אויף אים קיין בלוט נישט פֿאַרגאָסן?...

און ביידע האָבן צוגעגעבן:

– נײַן, גאָט וועט אונדז מיט אַן אייגן קינד בענטשן!...

און די שטאָט-לײַט האָבן זיך געבייזערט און זיי עקשנים גערופֿן און מיט דער צײַט אָן זיי ווידער פֿאַרגעסן. און די צוויי אַלטינקע לײַט האָבן באַשלאָסן:

– אַז אונדזער תכשיט וועט אויסוואַקסן, וועט ער שאלות פּסקענען און ספֿרים שרײַבן...

– אַז אונדזער נחת וועט אַכצען יאָר אַלט ווערן, וועלן מיר אים צו דער חופּה פֿירן...

איינס נאָכן צווייטן, פֿון אייביק צו אייביק, האָבן די יאָרן געשוועבט און געשוועבט. און איין מאָל פֿרימאָרגן האָט מען אונדזערע לײַט געפֿונען טויט. זיי זענען געזעסן אויף זייערע בעטן איינער געגן צווייטן, אין איינע העמדער, און האָבן, ווי קינדער, זייערע קני מיט די הענד אַרומגעשלאָסן. אויף זייערע פּנימער האָט אַ שמייכל געשוועבט, און אין דער לופֿט פֿון אַלטן הויז האָבן ווי געקלונגען די ווערטער:

– אַז אונדזער זון וועט אויסוואַקסן...

– אַז אונדזער קדיש וועט עלטער ווערן...

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון אַליסיאַ ראַמאָס גאָנזאַלעז, לעאָנאַרד פּראַגער, נח מילער און רפֿאל פֿינקל.

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved